ב"ה

# אוצר המועדים

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ה'

שבת חנוכה - ד' ה' (מקץ)

שנת תשע"ב

**ולא מצאו אלא פך אחד של שמן שהי' מונח בחותמו של כהן גדול:**

**הרה"ק רבי דוד'ל דינוב'ער זי"ע** אין ספר **צמח דוד** פרעגט לכאורה שטייט אין די משנה אז עס איז געווען א באזונדערע ממונה אויף די חותמות, און נישט דער כהן גדול אליין, פארוואס האט מען געטראפן דעם קריגל מיטן חותם פונעם כהן גדול אליין? אויך דארף מען פארשטיין דעם לשון **מונח** בחותמו, פארוואס שטייט נישט **החתום** בחותמו?

ענטפערט ער אזוי, אז עס איז ידוע אז דער קעניגליכער זיגל איז זייער א טייערע און חשוב'ע זאך, און אזוי אויך דעם כהן גדול'ס זיגל איז געווען זייער טייער ווייל ער איז דאך געווען דער גרעסטער און חשוב'סטער מענטש ביי כלל ישראל.

קען אפשר זיין אז באמת האט דאס קריגל בכלל נישט געהאט ד'עם כהן גדול'ס זיגל, ווייל קיין שום קריגל האט מען נישט געזיגלט מיטן כהן גדול'ס זיגל נאר עס איז געווען געזיגלט מיטן זיגל פונעם ממונה.

נאר דא האט פאסירט אז דער כהן גדול האט פארלוירן זיין זיגל און שפעטער האט מען געטראפן דאס קריגל אויל וואס איז געלעגן צוזאמען באהאלטן מיטן זיגל פונעם כהן גדול, דאס מיינט אז עס איז געווען **מונח בחותמו** של כהן גדול, ממילא האט מען געוואוסט אז קיינער האט נישט צוגערירט צום אויל, ווייל ווען יא וואלט ער דאך ווען אוועק גענומען דעם טייערן זיגל אויך.

*

דער **רבי בעל ברך משה זי"ע** פארענטפערט די קשיא פון בית יוסף פארוואס מ'מאכט אכט טעג חנוכה, דער נס איז דאך נאר געווען זיבן טעג, ווייל אין אמת'ן אריין איז געווען גענוג אויל פאר איין נאכט, אבער אזוי ווי יענע יאר איז אויסגעפאלן כ"ה כסליו אין שבת קודש - אזוי ווי **דער אסטראווצער גאון זצ"ל** ברענגט דעם חשבון - און שבת דארף מען מער אויל ווי אינמיטן די וואך ווייל מען צינדט שוין אן די מנורה בייטאג פאר עס ווערט שבת, און פאר שבת איז נישט געווען גענוג אויל, און דאך האט עס געברענט א גאנצע נאכט, דאס איז געווען די עיקר נס וואס האט פאסירט די ערשטע נאכט.

*

אין **תולדות קול ארי'** ווערט געברענגט א תירוץ אויפ'ן ב"י קשיא, ווייל תוס' פרעגט וויאזוי האט מען געקענט צינדן די שמן וואס מ'האט געטראפן, אפשר איז די קריגל טמא געווארן?

ענטפערט דער **ישמח משה** אז דער אייבערשטער האט געמאכט א נס אז עס האט געשיינט דער שם הוי"ה אויפ'ן קריגל, און דורך דעם האט מען געזעהן אז עס איז נישט טמא געווארן, קומט אויס אז די ערשטע טאג איז געווען די נס אז די שם הוי"ה האט געלאכטן.

דאס איז פשט **זה היום עשה**, די ערשטע טאג האט מען געמאכט יו"ט, ווייל ד', וועגן די שם הוי"ה האט געלאכטן, און וועגן דעם נגילה **ונשמחה "בו"**, בו באטרעפט 8 פרייד מען זיך 8 טעג און נישט נאר 7 טעג.

*

**ומנותר קנקנים נעשה נס לשושנים:** לכאורה דארף מען פארשטיין דעם לשון ומנותר קנקני"ם, מ'האט דאך נאר געטראפן איין קריגל אויל?

נאר דער **ב"ח** (סי' עת"ר) ברענגט אז עס איז געווען אן אלטער משומד וואס האט דערציילט פאר די יוונים אז די אידן האבן א מצוה פון אנצונדן די מנורה, און אויב זיי וועלן מצליח זיין אונטערצוברענגען די מצוה זענען די אידן פארלוירן. זענען די יוונים געגאנגען און מטמא געווען אלע שמנים.

פרעגט **כ"ק מרן רביה"ק זי"ע** אין **דברי יואל** (חנוכה ע' ר"מ) לכאורה וואס האבן זיי אויפגעטון מיטן מטמא זיין די שמנים, די הלכה איז

## עד שתכלה רגל מן השוק

דער הייליגער **דברי חיים** טייטשט אז עס איז ידוע אז דער יצר הרע וואס איז דא אין א מענטש גלוסט צו גשמיות און פראסטקייט, און דער יצר ליגט אינעם מענטש פון די יונגע יארן, ווייל ווי נאר א מענטש ווערט געבוירן ליגט אין אים דער יצר הרע.

די מצוה פון **נר חנוכה** איז אזוי הייליג אז דאס קען מזכך זיין דעם חומר וואס איז שוין ביי אים ווי א טבע, און א מענטש קען זיך שווער אפטיילן פון זיינע תאות, האט אבער די הייליגע חנוכה ליכט דעם כח אים אפצוטיילן פון די תאוות.

דאס זאגן **חכמינו ז"ל** אז די מצוה פון **נר חנוכה** איז **עד שתכלה רגל מן השוק**, **רגל** איז א לשון פון רגילות, דאס וואס איז א הרגל נעשה טבע, **מן השוק**, די **תאוה** ווערט אנגערופן **שוק**, וואס איז א לשון פון השתוקקות. נאר די נרות חנוכה וועלן מרבה זיין דעם אור התורה.

דאך **טומאה הותרה בציבור**, קען מען דאך ווייטער צינדן מיט שמן טמא, פארוואס האבן זיי נישט ענדערש אויסגעגאסן אלע אויל און אוועק גענומען פון דארט כדי מ'זאל נישט קענען צינדן?

ענטפערט דער **רבי זי"ע** אזוי, אז לעולם דארף מען פארשטיין וואס איז דער גאנצער רעש מיטן נס פון די מנורה, אין דברי חז"ל טרעפן מיר נאך פעלער ווען אביסל אויל האט געברענט א לענגערע צייט, אזוי אויך דער נר המערבי האט אייביג געברענט און זיך נישט פארלאשן.

נאר דער **פני יהושע** (פ"ב דשבת) זאגט פארוואס עס האט אויסגעפעלט דער גאנצער נס, און מ'האט נישט געצינדן מיט די טמא'נע אויל אלס טומאה הותרה בציבור, ווייל דער רבש"ע האט דוקא געוואלט מאכן דעם נס כדי מודיע צו זיין זיין ליבשאפט פאר אידישע קינדער, אז אפילו מ'קען ווען צינדן מיט שמן טמא האט ער זיי געגעבן שמן טהור ע"כ. מילא קען זיין אז וועגן דעם האט דער רבש"ע אזוי צוגעפירט אז די רשעים זאלן נישט אויסגיסן די אויל נאר דאס מטמא זיין, ווייל נאר אזוי זעהט מען אז דער נס איז געשעהן מחמת חיבת המקום לישראל, ווייל ווען עס איז ווען בכלל נישט געווען קיין אויל וואלט מען דאך ווען געדארפט דעם נס פשוט אז מ'זאל בעצם קענען צינדן די מנורה.

זאגט דער **רבי זי"ע** אז דאס איז דער חידוש מיטן נס חנוכה וואס מ'מאכט דערפון אזא גרויסע שמחה, ווייל ביי די אנדערע פלעצער ווי מ'זעהט אז עס איז געווען א נס מיט די אויל איז געווען ווען עס איז בכלל נישט געווען קיין אויל און עס האט געברענט, אזעלכע נסים פלעגט כסדר זיין אין ביהמ"ק. אבער דא איז געווען דער נס ווען עס איז יא געווען אויל, שמן טמא, און דאך האט דער אייבערשטער געמאכט דעם נס כדי להודיע חיבתן, אויף דעם פריידט מען זיך אין די ימי חנוכה.

דאס זאגט מען אינעם פיוט **יונים נקבצו עלי וכו' וטמאו כל השמנים** אז זיי האבן נאר מטמא געווען די אויל און נישט מעביר געווען אינגאנצן, וועגן דעם **ומנותר קנקנים**, ווייל זיי האבן איבערגעלאזט די קריגלעך טמא'נערהייט, און דאך **נעשה נס לשושנים** האט דער באשעפער נישט געוואלט אז מ'זאל זיך פארלאזן אויף טומאה הותרה בציבור נאר ער האט געמאכט א נס, וועגן דעם **בני בינה ימי שמונה קבעו שיר ורננים**, און דאס איז דער עיקר שמחה ביי די נס חנוכה.

# דרוש לחנוכה

עס איז ידוע די צוויי מימרות פון רבי תנחום אין מס' שבת (דף כ"ב ע"א) **נר חנוכה שהניחה למעלה מעשרים אמה פסולה כסוכה וכמבוי. ואמר רבי תנחום ממשמע שנאמר והבור ריק איני יודע שאין בו מים. מים אין בו אבל נחשים יש בו.** וצ"ב.

זאגט דער **ילקוט הגרשוני** צו פארענטפערן די סמיכות באופן נפלא, ווייל דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק אמר רב אחא **בור ריק**, נתרוקן בורו של יעקב. **אין בו מים**, אין בו דברי תורה שנמשלה למים. ווייל עס שטייט אין פסוק **כי ימצא איש גונב נפש מאחיו** און עטס האט פארקויפט ענקער ברודער.

דארף מען פארשטיין פארוואס האט רבי תנחום נישט געוואלט דרש'ענען ווי ר' אחא, אז **בור ריק** מיינט אז די שבטים האבן זיך געפירט כנגד התורה מיט דעם וואס זיי האבן פארקויפט יוסף הצדיק?

אלא מאי מוז איך זאגן אז רבי תנחום האבן געהאלטן אז די שבטים האבן נישט געטון קיין שום עולה מיט דעם וואס זיי האבן פארקויפט יוסף, ווייל ער האט גערעדט אויף זיי לשון הרע. און דער **בעל הטורים** זאגט אין פר' משפטים אז די תורה האט נאנט געשטעלט דעם פסוק **לא תשא שמע שוא** נעבן דעם פסוק פון **לכלב תשליכון אותו**. דאס קומט צו זאגן אז ווער עס רעדט לשון הרע איז ראוי אז מ'זאל איםווארפן פאר די הונט. ממילא האבן די שבטים געהאלטן אז אויב מ'מעג אים ווארפן פאר די הונט מעג מען אים אויך פארקויפן פאר א עבד.

משא"כ **רב אחא** האלט נישט דעם דרש פונעם **בעל הטורים**, ווייל ער האלט ווי דער מאן דאמר אז מ'דרש'ענט נישט קיין סמוכין נאר אין משנה תורה, ממילא האלט ער אז עס איז געווען אן עבירה דאס וואס מ'האט פארקויפט יוסף, ווייל אפילו ער האט גערעדט לשון הרע איז מען נישט בארעכטיגט אים צו פארקויפן.

**תוספות** פרעגט א קשיא אויף די מימרא פון ר' תנחום אז נר חנוכה שהניחה למעלה מעשרים אמה **פסולה**, פארוואס זאגט ער **פסולה** אזוי ווי ביי מצות דאורייתא, און נישט **ימעט**, אז ער זאל דאס אראפ נעמען און לייגן אויף א נידריגערע ארט אזוי ווי עס שטייט ביי מבוי, וואס איז אויך מצות דרבנן?

נאר עס קען זיין אז **רבי תנחום** האלט אז מצות נר חנוכה איז א דאורייתא, ומה"ט איז דאס פסול, און מ'קען נישט יוצא זיין דערמיט מיטן לייגן נידריגער נאר מ'דארף עס נאכאמאל אנצינדן.

דער וואס האלט אז נר חנוכה איז מה"ת לערנט דאס ארויס ווי דער **רמב"ן** ברענגט א **מדרש** אין פר' בהעלתך אז ווען אלע נשיאים האבן געברענגט קרבנות צום חנוכת המזבח אויסער שבט לוי האט אהרן הכהן געהאט חלישות הדעת, האט אים דער אייבערשטער געזאגט **יש חנוכה אחרת שיש בה הדלקת הנרות ואני עושה בה לישראל על ידי בניך נסים ותשועה**. און מהאי טעמא שטייט נאנט די פרשה פון די מנורה צו די פרשה פון חנוכת המזבח.

מיט דעם שטימט זייער שיין די שייכות פון די צוויי מימרות פון רבי תנחום: **נר חנוכה שהניחה למעלה מעשרים אמה פסולה**. איי פארוואס זאגט ער נישט **ימעט**, מוז דאך זיין אז ער האלט נר חנוכה דאורייתא, און ער לערנט דאס ארויס פון די סמוכין פרשת הקרבת הנשיאים צו פרשת המנורה, ממילא האלט ער דאך אז מ'דרש'ענט סמוכין, האלט ער דאך אויך די סמוכין פון **לכלב תשליכון אותו**, און אז איינער וואס דערציילט לשה"ר מעג מען אים ווארפן לכלבים. ממילא קען ער נישט דרש'ענען ווי **רבי אחא** אז די שבטים האבן געזינדיגט מיטן פארקויפן יוסף הצדיק, ממילא דרש'ענט ער דעם דרש פון **מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו.**

# אוצר הידיעות

**לכבוד** דעם יום טוב חנוכה וועלן מיר דא לערנען פארשידענע וויכטיגע ידיעות וואס איז שייך צו דעם יו"ט און צום זמן פונעם נס.

**בשנת ג"א ת"ח** איז דער צווייטער ביהמ"ק געבויעט געווארן אין די תקופה פון די לעצטע נביאים די אנשי כנסת הגדולה, עזרא, נחמי', חגי, זכרי' און מלאכי. וואס די תקופה האט אנגעהאלטן 40 יאר.

**בשנת ג"א תמ"ח** האט שוין קיינער פון די נביאים נישט געלעבט, און **שמעון הצדיק, משיירי כנסת הגדולה,** דער ערשטער תנא, איז געווען דער כהן גדול 40 יאר און ער האט געפירט דעם כלל ישראל אויפן שענסטן פארנעם.

נאך איהם איז געווען זיין תלמיד **אנטיגנוס איש סוכו**, וואס צווישן זיינע תלמידים זענען געווען צדוק וביתוס, די ערשטע אפיקורסים ביי כלל ישראל, וואס פון זיי האט זיך אנגעהויבן א באגריף פון "**צדוקים ובייתוסים**", וואס איז שפעטער אנגערופן געווארן "**מתיוונים**", ד.ה. אז זיי האבן נוטה געווען צו די דרכי יון.

אין די תקופה פונעם צווייטן ביהמ"ק האבן שוין די ערליכע אידן נישט געהאט דעם כח ווי ביים ערשטן ביהמ"ק, ווען זיי זענען שוין געווען אונטער די גוי'אישע מלוכה, און ווי מער די אידן האבן זיך אליינס אפגעלאזט פון די תורה, זענען זיי אלס מער אונטערגעפאלן די גוים.

ביז **שנת ג"א תקמ"ז** איז די כהונה גדולה געווען ביי די ברודער פון שמעון הצדיק וואס זענען געווען ערליכע אידן, נאך זייער פטירה איז דאס צוריק געקומען צו שמעון הצדיק'ס זוהן חוניו וואס האט שוין ליידער נוטה געווען צו די מתיוונים, און ער האט אויפגענומען אלס זיין יועץ זיין פלומעניק א מתיוון יוסף בן טובי', וועלכער האט געפירט זיין גאנג אויפן וועג אראפ. ער איז געווארן גרויס ביים מלך מצרים, און אנגעהויבן צו מאכן צרות פאר די אידן.

דאס איז געווען אין די צייטן פונעם "זוג הראשון" **יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן**".

אין די שפעטער ת"ק יארן האבן זיך די מתיוונים געהאלטן אין איין שטארקן, עס זענען געווען ביי די ערליכע אידן פארשידענע זמנים עליות און ירידות.

צווישן די ערליכע כהנים גדולים איז געווען **יוחנן כהן גדול בן שמעון הצדיק**, וואס אין די גמרא ווערט דערציילט איבער אסאך וויכטיגע תקנות וואס ער האט מתקן געווען לטובת הדת.

נאך אים איז געווען **מתתיהו בן יוחנן כהן גדול חשמונאי.**

עס איז א גרויסע מחלוקה ווער עס איז געווען דער כהן גדול צי מתתיהו איז געווען א זון פון יוחנן כהן גדול, צי ער אליין איז געווען דער כהן גדול, עס איז דא א שטארק אנגענומענע דעה אז נישט מתתיהו און נישט יוחנן זענען געווען כהנים גדולים, נאר וויבאלד מתתיהו איז געווען פון די עלטסטע און חשוב'סטע כהנים, און ער איז געווען דער מנהיג הדור האט מען אים גערופן מיט דעם נאמען "כהן גדול", דאס מיינט אבער נישט אז ער האט געטון די עבודה אין **בית המקדש.** דער גרעסטער טייל פון די ספרי קורות הדורות נעמען נישט אן אז מתתיהו איז געווען א זון פון "יוחנן כהן גדול" וואס ווערט דערמאנט אין חז"ל מיט די פולע תקנות וואס ער האט מתקן געווען, און וועלכער איז שפעטער געווארן א צדוקי, וואס דאס איז הערשט געווען ביי אן אייניקל פון די מלכות בית חשמונאי מיט עטליכע דורות שפעטער.

**מלכות בית חשמונאי** איז געגרינדעט געווארן בשנת תקצ"א. כאטש די חשמונאים זענען געווען צדיקים, און האבן געמיינט נאר לשם שמים, איז דאס אבער געווען א עבירה צו נעמען א מלוכה נישט זייענדיג פון שבט יהודה. און די גאנצע משפחה איז שטארק נענש געווארן דערויף.

זיינע פינף זון זענען געווען, **יוחנן, שמעון, יהודה, אלעזר, יונתן,** און איין איינציגע טאכטער.

אין יענע צייטן איז געווען דער **מלך יון אנטיכוס הרשע** וועלכער האט ארויסגעגעבן שווערע גזירות קעגן אידישע קינדער, ווילנדיג צוברענגען אלע אידן צו די טמא'נע וועגן פון די יוונים, זיי האבן גוזר געווען גזירות קעגן חודש, מילה, שבת, און אז מ'זאל אויפשרייבן אין לנו חלק ונחלה בא' ישראל ר"ל.

**ג"א תרי"ח** - איז אנטיכוס הרשע אריין אין בית המקדש, בארויבט די כלי הקודש, און אפגעשטעלט די עבודת התמיד.

די חשמונאים האבן געזעהן דעם שווערן מצב, זענען זיי אנטלאפן קיין מודיעין וואו זיי זענען ווייטער אנגעגאנגען מיט שמירת התורה והמצות בסתר.

**ג"א תרכ"א** - האבן די חשמונאים ערקלערט א מרידה קעגן אנטיכוס, זיי האבן צוזאמען גענומען די ערליכע אידן וואס זענען גרייט געווען אויף די מלחמה. זיי האבן גע'מל'עט זייערע קינדער, און געדינט דעם אייבערשטן.

**ג"א תרכ"ב – מתתיהו** איז נפטר געווארן, און זיין זון **יהודה המכבי** האט איבערגענומען די מלוכה, וואס ער האט געפירט זעקס יאר מיט גרויס הצלחה. במשך די זעקס יאר האט ער געפירט אסאך מלחמות און אויסגע'הרג'עט די שונאי ישראל.

דער נאמען **מכבי** איז ר"ת **מי כמוך באלים י'**, אדער **ב**רוך **כ**בוד **י'** **מ**מקומו, **מ**תתיהו **כ**הן **ב**ן **י**וחנן. אויף די יוני'שע שפראך מיינט דאס א גיבור ואיש מלחמה.

די שטארקסטע הצלחה פון די הייליגע חשמונאים איז געווען ווען זיי האבן מצליח געווען צו פירן די מלחמה קעגן די יוונים, כאטש עס איז געווען אוממעגליך אז זיי זאלן מנצח זיין האט דער אייבערשטער געוויזן אומגלויבליכע נסים, ווען ער האט איבערגעגעבן רבים ביד מעטים, גיבורים ביד חלשים, אנטיכוס הרשע איז געשטארבן מיט א מיתה משונה און די חשמונאים זענען אריינגעקומען אין ביהמ"ק, און מטהר געווען דעם מקום און צוריק באנייט די הייליגע עבודה.

**כ"ה כסלו ג"א תרכ"ב** - האט מען ברחמי ה' געטראפן דעם איינציגסטן פך שמן טהור צו צינדן די מנורה.

# פרשת מקץ

**וידבר אל יוסף בחלומי הנני עומד על שפת היאור:** זאגט דער מדרש הה"ד **עדות ביהוסף שמו בצאתו על ארץ מצרים שפת לא ידעתי אשמע.**

לכאורה דארף מען פארשטיין אויב האט פרעה געזעהן אין חלום אז ער שטייט על היאור, פארוואס זאגט ער פאר יוסף על שפת היאור.

זאגט דער הייליגער **רבי ר' מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע** אז פרעה האט געוואלט זעהן צי יוסף ווייסט טאקע דעם חלום אדער ער פרובירט בלויז צו צוטרעפן דעם פתרון, וועגן דעם האט ער בכוונה משנה געווען דעם חלום ווילנדיג זעהן צי יוסף וועט אים פאררעכטן און זאגן אז דער חלום איז באמת געווען אנדערש.

דאס איז טאקע געווען פון וואס פרעה איז אזוי נתפעל געווארן און ער האט אויסגערופן **הנמצא כזה איש אשר רוח א' בו,** ווייל ער האט געזעהן אז יוסף האט אים פאררעכטן און אים געזאגט אז דער חלום איזווירקליך געווען אנדערש.

דאס זאגט דער מדרש **עדות ביהוסף שמו,** דער עדות אז יוסף איז טאקע א **איש אשר רוח אלקים בו,** איז געווען ווייל ער האט געזאגט פאר פרעה **שפת לא ידעתי,** דאס וואס דו זאגסט שפת היאור, דאס וויס איך נישט, **אשמע,** דאס הער איך נאר יעצט פון דיר, ווייל איך וויס אז דו ביסט געשטאנען על היאור.

## מאוצר רבותינו

### ספר הקדוש בני יששכר על חנוכה

עס איז ידוע אז דער הייליגער **בני יששכר זי"ע** האט אין זיין הייליגן ספר געשריבן מורא'דיגע ענינים אויפן יו"ט חנוכה, און יעדער חסיד'ישער איד ווייסט אז אין די הכנות צו די ימי החנוכה לערנט מען דעם ספה"ק בני יששכר.

דער **בני יששכר** האט אליינס מעיד געווען אויף זיך זאגנדיג אז מ'זאל אים נישט פרעגן קיין שום זאכן בעניני חנוכה, ווייל עס האבן זיך פאר אים געעפענט די קוועלער פון חכמה אין עניני חנוכה אז זיין מח דערהייבט ניטאמאל די גרויסע השפעה.

ער פלעגט אלס חוקר זיין צי ער איז נישט קיין כהן, שפירנדיג אז ער האט א נאנטן שייכות מיטן יו"ט חנוכה, און מיטן נס מציאת פך השמן.

איז געווען אמאל ווען איינער פון די תושבים פון די שטאט איז געפארן קיין לובלין, און וויבאלד אלע אידן וואס זענען געפארן מיטן אים זענען אריין צום רבי'ן פון לובלין איז ער אויך אריין. זעהנדיג אז יעדער לאזט זיך שרייבן א קוויטל ביים גבאי'ן, האט ער געטראכט אז דער רב אין זיין שטאט האט דאך א שיינע שריפט, די קומענדיגע מאל וואס ער וועט קומען קיין לובלין וועט ער מיטברענגען א קוויטל וואס זיין רב האט געשריבן. וכך הוה.

ווען דער הייליגער **חוזה מלובלין** האט געזעהן דאס קוויטל האט ער זיך אנגערופן "ווען דו קומסט נאכאמאל זאלסטו מיטברענגען א קוויטל פון דיין רב וואס ער שרייבט פאר זיך אליין".

דער איד האט געבעטן פונעם **בני יששכר** אז ער זאל אים געבן א קוויטל וואו ער איז זיך אליינס מזכיר ביים **רבי'ן פון לובלין**. ווען דער חוזה האט דאס געזעהן האט ער געזאגט אז ער וויל אז דער בני יששכר אליין זאל קומען צו אים.

ווען דער **בני יששכר** איז אנגעקומען האט אים דער חוזה אויפגענומען מיט גרויס כבוד, און ער האט אים געזאגט "איר זענט נישט קיין כהן, נאר אייער נשמה שטאמט פון די נשמות פון די סנהדרין וואס זענען געקומען פון **שבט יששכר**, וואס די זענען געווען די סנהדרין פון די **חשמונאים**, און מהאי טעמא שפירט איר אזא הארה ווען איר זענט עוסק אין עניני **חנוכה**.

דאן האט דער **בני יששכר** א נאמען געגעבן פאר זיין ספר הקדוש **בני יששכר**.

## יגעת ומצאת

די וואך ווען מיר לערנען די "יגעת ומצאת" איבער ענינים וואס האט שייכות מיטן לעכטיגן יו"ט חנוכה, און ארום די תקופה אין וועלכע זי האט פאסירט.

**אין וועלכע יאר איז געווען נס חנוכה? אין די תקופה פון וועלכע ביהמ"ק? דער שטח פארן ערשטן ביהמ"ק האט אפגעקויפט? פון וועמען? ווער האט עס אויפגעבויעט? בשנת? וויפיל יאר איז זי געשטאנען? ביז שנת? ווער האט איר חרוב געמאכט? און פארטריבן די אידן קיין? אויף וויפיל יאר? דער צווייטער ביהמ"ק איז אויפגעבויעט געווארן בשנת? דורך? און איז געשטאנען? ביז שנת? וויפיל יאר נאכן אויפבויען בית שני איז געווען נס חנוכה? וויפיל יאר נאך נס פורים איז געווען נס חנוכה? ווער איז געווען כהן גדול בשעת נס חנוכה? ווי אזוי האבן געהייסן זיינע קינדער? ווי אזוי האט מען גערופן די משפחה? וואס זענען די ז' מצוה דרבנן?**

*

### ראשי תיבות

וי אזוי מאכט דאס ווארט (ווערטער וואס האבן שייכות מיט חנוכה)....

**נ"ח, שקיה"ח, צאה"כ, גשנ"ה, בבט"ח, הדלה"נ, ז"פ, מכב"י, כבז"ל, קו' הרב"י**

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פרשת וישב-כ"א כסלו

**א.** אורשיווע, קראלי, סאטמאר.

**ב.** עשר שנים. אדר תרצ"ד-אייר תש"ד.

**ג.** י' אייר נכנסו לגעטא - רבינו ברח לקלויזנבורג - הגיע לפעסט עש"ק שלח תש"ד.

**ד.** רבי מיכאל בער ווייסמאנדל - הציונים ימ"ש נתגרו בהנאציס ימ"ש - היטלער ימ"ש צעק שיהרוג היהודים כצבאות וכאילות השדה. (נפלה בלשונו הטמא לשון חז"ל בגמ' כתובות שזה עונש על העברה על הג' שבועות)

**ה.** ר' חיים ראטה והעסקנים החרדים בפעסט - כי הציונים הפקירו את הכל לפי האינטערעסן שלהם - והעסקנים החרדים שלמו עוה"פ עד שכל הבאן ניצל.

**ו.** שבעה עשר בתמוז - הגר"י שטייף, והרב מדעברעצין. (הרב מאודווארי)

**ז.** כ"א כסלו תש"ה - כ"ה אלול תש"ה - ראש השנה תש"ז.